גליון ז׳ שנה א׳

חג הפסח
תשפ״ו

# בחור'ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### באהאלטענע חמץ

לכבוד ... נרו יאיר

#### הייליגע מלאכים

דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו האט אונז אנטפלעקט וואס טוט זיך אפ מיטן אנגרייטן דעם יום טוב פסח, אז די זעלבע מלאכים וואס ווערן באשאפן ביים שופר בלאזן ראש השנה – ווערן באשאפן ביים רייניגן די שטוב פון חמץ און ביים אריינברענגען דעם יום טוב פסח. אלע שטייען מיט א שטארקע געפיל ראש השנה ביי די תקיעות, מען איז דארט מיטן גאנצן הארץ, אן קיין פיינטשאפט; אזוי דארפן מיר זיין ביים אויסרוימען די חמץ, דאס טון מיטן גאנצן הארץ און געפיל, מיט שמחה, אן קיין פיינטשאפט, אן קיין קרעכצן.

#### כשר'ן דאס הארץ

פארגעס נישט פון די באהאלטענע חמץ וואס ליגט טיף טיף באהאלטן אין הארץ, אין מח, די קשיות און טענות אויפן אייבערשטן און אויף צדיקים. יעצט ביים אויסרוימען די חמץ, ביים כשר'ן, ביים גיסן די הייסע וואסער – זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן: "**הייליגער באשעפער כשר מיין הארץ, כשר מיין מח, איך זאל נישט האבן קיין קשיות אויף דיר, איך זאל נישט זיין מיט טענות אויף דיר, איך זאל גלייבן באמונה שלימה מיט מיין גאנצע הארץ אז דו מאכסט נישט קיין שלעכטס, אלעס איז גוט, כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, אלעס טוסטו נאר פאר גוט, הייליגער באשעפער איך וויל ארויסנעמען די זויערקייט פון מיר, איך וויל שוין ווערן ערליך און פרייליך**".

### עבדים היינו...

לכבוד ... נרו יאיר

#### ארויס פון מצרים

פסח איז א צייט וואס מען גייט ארויס פון מצרים. דאס גייט אן אין יעדן דור ודור; אויב מען כאפט זיך אן אינעם צדיק, מען טוט די עצות, מען גייט יעדן טאג אין א ווינקל זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, מען בעט אים: "**רבונו של עולם, זיי מיך מקרב צו דיר, באשעפער איך וויל זיך צוריק קערן צו דיר, איך וויל זיין א צדיק**"; מען בעט און מען בעט, אזוי איז מען זוכה ארויסצוגיין פון אלע סארט מְצָרִים.

#### דער תירוץ איז...

טייערער ברודער, פסח ביים סדר ווען מען הויבט אן די תירוץ נאך '**מה נשתנה**' – הויבט מען אן מיט די ווערטער '**עבדים היינו לפרעה במצרים**', מיר זענען געווען קנעכט צו פרעה; זאגט מוהרא"ש, דאס איז א תירוץ אויף אלע קשיות, ווייל ווען מען פארגעסט פונעם אייבערשטן, מען פארגעסט אז מיר זענען קנעכט נאר פארן אייבערשטן, '**עבדי הם, ולא עבדים לעבדים**', ווי נאר מען פארגעסט פונעם אייבערשטן – הויבט מען אן ליידן, '**וכל המרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה משובח**', ווי מער מען חזר'ט די חסדים פונעם אייבערשטן, מען דאנקט און מען לויבט דעם אייבערשטן – גייט מען ארויס פון מוחין דקטנות צו גדלות המוחין און מען האט א זיסע לעבן, מען שפירט שוין דא טעם גן עדן, טעם עולם הבא.

א פריילעכן ליכטיגן יום טוב.

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### פרייען מיט די מצוות

לכבוד.... נ"י,

**זיך פרייען מיט מצוות**

דער הייליגער אריז"ל זאגט (הובא בבאר היטב אורח חיים סימן תמז, סעיף קטן א): **"הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה"**, ווער עס איז נזהר פון א משהו חמץ אום פסח, וועט א גאנץ יאר זיין אפגעהיטן פון עבירות; אלע פרעגן, וואס איז פשט אז מען פאלט יא אראפ אין עבירות? מוהרא"ש זאגט, פשט איז, ווער עס איז נזהר פון א משהו חמץ אום פסח און ער פרייט זיך מיט דעם, ער לעבט מיט דעם אז ער עסט נישט קיין חמץ - וועט א גאנץ יאר זיין אפגעהיטן פון עבירות, די שמחה פון די מצוה וועט אים היטן.

**צוקומען צו שמחה דורך תפילה**

זיין פרייליך איז גאר א שווערע עבודה, מוהרא"ש זאגט עס איז גרינגער צו פאסטן משבת לשבת ווי צו זיין פרייליך, די איינציגסטע וועג זוכה זיין צו שמחה איז דורך תפילה, דורך בעטן דעם אייבערשטן, בעט: **"הייליגער באשעפער העלף מיר, איך וויל זיין פרייליך, העלף מיר איך זאל האבן א שטארקע אמונה, איך זאל געדענקען אז אלעס ביסטו און דו ביסט אלעס, נישטא גארנישט אויסער דיר, דומם צומח חי מדבר, אלעס ביסטו"**.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו (פסחים קטז:): **"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"**; און צו (מיכה ז, טו): **"כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת"**, **אמן.**

### בין כותלי הישיבה

**עס קומט פסח און מען גייט שוין עסן די הייליגע מצה און טרינקען די ד' כוסות, און מען גייט ארויס פון מצרים! דער אר"י הקדוש זאגט אז מצרים איז "מצר ים".**

**דאס הייסט א מענטש געפינט זיך אין א מצב פון קטנות הדעת, ער זארגט זיך: "וואס גייט זיין מארגן? וואס גייט זיין נעקסטע וואך?"**

**דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, און ער נעמט אונז ווייטער ארויס פון אלע אונזערע פראבלעמען. "והיא שעמדה לאבותינו... שבכל דור ודור עומדים עלינו..." דער אייבערשטער היט אונז און ראטעוועט אונז פון אלע אונזערע צרות, נישט נאר פון אמאל, נאר היינט אויך.**

**"חייב אדם לראות את עצמו" איז נישט סתם א תורה... דאס איז א מציאות!**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**
**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|11|1|99**

### קורץ און שארף

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:

**"אז מען האלט מצה,**
**האלט מען (כביכול)**
**גאט אין האנט.**

**אויף פסח וועט זיין,**
**אבער ווי נעמט מען דעם**
**פסח אליינס?"**

(מוהרנ"ת זי"ע)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370